NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03083

HAMAN UN ZAYNE SHOTNS

Isaac Wolf Biderman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איטשע וו. בידערמאַן

המן און זיינע שאָטנס

(אַ פורים־שפּיל פאַר קליין און גרויס)

ISBN:0-657-03083-X

: בידערמאַן
נ׳ יאָרק, 1934

פרייז 15 סענט

פֿאַרלאַג בידערמאַן
176 צווייטע עוועניו
ניויאָרק, נ. י.

פּאָזי און שאולזאָן פּרעס
3 שערמאַן עוועניו
דזשוירזי סיטי, נ. דזש.

איטשע וו. בידערמאַן

המן און זיינע שאָטנס

(אַ פורים־שפּיל פאַר קליין און גרויס)

פאַרלאַג בידערמאַן
ניו־יאָרק, 1934

פּרייז 15 סענט

המן און זיינע שאָטנס

אַנטיילנעמער:

טאַטע,
מאַמע,
זיידע,
באָבע,
כייקע,
סעם,
המן,
שאָטנס.

די סצענע:

א שיין אידיש הויז. די מאמע מיט דער
באבען גרייטן צו דעם יום־טוב'דיקן
טיש. אויף דער סאפע זיצט דער
זיידע און לייענט א אידישע
צייטונג. כייקע און
סעם פארען זיך ביי
דער ראדיא.

באָבע:
אפשר וועט איר, קינדער, שוין אויפהערן צו דרילן דעם קאָפּ?

מאַמע:
הערט אויף, קינדער, באַלד קומט שוין דער טאַטע אַהיים פון דער אַרבעט, וועט מען זיך זעצן עסן.

טעם:
עס דאַרף זיין אַ אידישע „שטונדע", מ'וועט זינגען אידישע לידער אויף דער ראַדיאָ און מיין לערער וועט דערציילן די געשיכטע פון פּורים.

זיידע:
הערט אויף טשיפּקעלעך צו דרומפּטשען דאָרט. איך וועל אייך דערציילן די געשיכ-טע פון פּורים.

(די קינדער לויפן צו צום זיידן).

ביידע:

דערציילט טאַקע, זיידע!

(ווינקען זיך איבער).

זיידע:

צום אַלעם ערשטן פאַרמאַכט דעם שפּיל־
קאַסטן. אַט אַזוי. איצט, טשאַמבוטשי־
קעס, גייט דאָרט אַריין, —

(ווייזט אָן)

און וואַשט זיך גוט אָפּ די הענט . . .

ביידע:

מיינע הענט זיינען ריין!

(דער טאַטע קומט אַריין).

טאַטע:

גוט יום טוב!

אַלע:

גוט יאָר!

טאַטע:

(צופרידן).

אַלץ איז שוין גרייט. יום טוב איז אַ מחיה. זיך פאַרשפּעטיקט אַביסל... כ'וועל זיך אַביסל אַרומוואַשן און מען וועט זיך זעצן צום טיש.

(גייט אין צווייטן צימער).

זיידע:

נו,קאַראַפּודזשיקעס, זעצט זיך אויף אייערע פּלעצער!

(די קינדער זעצן זיך. דער זיידע מיט דער באָבען זעצן זיך).

מאַמע:

(זעצט זיך און הויבט זיך באַלד אויף).

גאַר פאַרגעסן . . .

(גייט אַוועק און קומט באַלד צוריק, מיט אַ טעלער המן־טאַשן).

המן־טאַשן! . . .

(שטעלט דעם טעלער אויפֿן טיש. טאַטע קומט צוריק, ווישט זיך די הענט, לייגט אַוועק דאָס האַנטוך און זעצט זיך צום טיש).

טאַטע:

וואָס מאַכסטו, כייקעלע, און דו, סעם?

כייקע:

איך מאַך „אָלרייט". איך בין היינט געווען זייער גוט אין שול, און מיין לערער האָט מיר געגעבן אַ בוך אַ מתנה — „שמערל נאַר".

זיידע:

(גיט איר אַ קניפּ אין בעקל)

געמאַכט אַ טעות דיין לערער. האָט דיר באַדאַרפֿט געבן אַ ביכעלע: „כייקעלע נאַר" . . . כע־כע־כע . . .

(אַלע לאַכן).

בייקע:

איך בין נישט קיין נאַר, זיידע.

זיידע:

(צעשויבערט איר מיט ליבשאַפט די האָר)

כ'וויים, אוצר'ל מיינער . . . דו ביזט שוין גאָרנישט קיין נאַר . . .

סעם:

און מיין לערער האָט היינט געהייסן די קינדער ברענגען שכר-לימוד.

טאַטע:

שכר-לימוד . . . הם . . . גאָר פאַרגעסן . . . זאָלסט מיר דערמאָנען מאָרגן . . . שוין באַדאַרפט באַצאָלן טאַקע . . .

מאַמע:

נו גוט, וועסט שוין מאָרגן באַצאָלן . . . עסט!

(מען הויבט אָן עסן).

סעם:

(צום טאַטן און זיידן).

איר עסט, און איר דערציילט גאַרניט וואָס פּאַר אַ יום טוב היינט איז —

(צום טאַטן און זיידן).

ווייסט איר אַז היינט איז פּורים? . . .

(ביידע מאַכן זיך אַז זיי ווייסן נישט).

ווייסט איר די געשיכטע פון פּורים?

(שאָקלען מיטן קאָפּ אויף ניין).

הערט זשע, וועל אַך אייך דערציילן!

זיידע:

הע, דו שגץ איינער. . . וואָס האָסטו מיך געפּרעגט און געוואָלט אַז איך זאָל דיר דערציילן?

(סעם לאַכט)

נו, נו, דערצייל, לאָמיר הערן.

אַלע:

לאָמיר טאַקע הערן . . .

סעם:

(דערציילט)

היינט איז פורים. פורים איז פאַר אונז אידן זייער אַ פריילאַכער יום-טוב, ווייל אין דעם טאָג האָט המן, אונדזער גרעסטער שונא, געהאט אַ גרויסע מפלה. זיינע פּלענער צו פאַרניכטן אַלע אידן פון דער שטאָט פּרס, פון דער מדינה פּערסיע, האָט זיך אים נישט איינגעגעבן, כאָטש המן, דער רשע, האָט שוין געהאַט די דערלויבעניש פונם דאמאָל-סטיקן קעניג — קעניג אחשורוש — אומצו-ברייננגען די אידן פון אַלע זיינע הונדערט מיט צוואַנציק מדינות; אָבער די אידישע קעניגין אסתר, מיט איר פעטער מרדכי'ן, איז געלונגען איבערצורייידן דעם קעניג, אז

ער זאָל צוריקציען זיין דערלויבעניש, און
פאַר דער שלעכטער עצה, אויפצוהייגען
המנ׳ען, און דעריבער איז דער יום טוב
פורים, ביי אונדז אידן, דער פריילעכסטער
יום טוב.

טאַטע:
פיין . . .

(נעמט אַרויס פאַפיר־געלט)

נאַ, סעם, דאָ האָסטו שכר־לימוד . . . ווי סע
מאַכט זיך, מען קען פאַרגעסן . . .

באָבע:
קום אַהער, סעמקע . . .

(גיט אים אַ קוש)

דאָ האָסטו שלח־מנות. . .

(גיט אים עפּעס).

סעם:

א דאַנק, באָבעשע . . .

(זעצט זיך צוריק).

באָבע:

און דו, כייקעלע, קום אויך צו דער באָבען.

(קושט כייקעלען)

דאָ האָסטו דיין שלח-מנות.

כייקע:

א דאַנק, באָבעשע . . .

מאַמע:

נו, עסט, קענדערלעך.

(מען הויבט אָן עסן).

זיידע:

(עסנדיק)

אַם... יאָ... המן... המן האָט טאַקע דאַמאָלס גערהאַט א מפּלה, אָבער זיינע שאָטנס, המנ׳ס

שאַטנס . . . זיי טוען אונדז היינט נאָך אויך
גענוג שלעכטס.

סעם:

שאַטנס? . . . המנ׳ס שאַטנס? . . .

באָבע:

די . . . די היטלערס . . . די . . . די . . .

זיידע:

(עסט).

יאַ, סעמעלע, המנ׳ס שאַטנס רייסן זיך פון
צייט צו צייט אַפּ ווי אַ בייזער הונט פון דער
קייט און טוען אונז אָן פיל שלעכטס.

סעם:

דערצייל זיידעשע, ווי אַזוי רייסן זיך עס די
שאַטנס אַפּ פון המנ׳ען?

בייקע:

ווי בייזע הינט פון דער קייט?! . . .

זיידע:

(לייגט אַוועק דעם לעפל און דערציילט).

אַם, יאָ . . . דאָס קינדערלעך, איז געשען אַמאָל, אין אַ פּורים-ביינאַכט, אין אַ פּורים ביינאַכט, ווען מען לייענט די מגילה און די קינדערלעך, אַז זיי הערן די געשיכטע פון פּורים און אַז זיי הערן, ווי מען דערמאָנט דעם נאָמען „המן", גרעגערן זיי אָן און טומלען, פּאַרטויבן און פּאַרטיליקן המנ'ען. יאָ... איז איינמאָל אין אַ פּורים-נאַכט, אין אַ וואַלד, ערגעץ אונטער די הרי חושך, איז אומגעלאָפן המן . . .

(די סצענע פאַרוואַנדלט זיך און שטעלט פאָר אַ וואַלד. עס איז אַן אויסגעשטערנטע נאַכט. עס דערטראָגט זיך פון ווייט אַ טומלען און אַ גרעגעריי. דאָס טומלען דערנע־ענטערט זיך און עס לויפט אַריין המן, און

פון אַלע זייטן באַווייזן זיך זיינע שאַטנס. המן לויפט אַרום צורודערט און די שאַטנס מאַכן נאָך אַלע זיינע העויות).

המן:

(כאַפּט זיך ביים קאָפּ)

געווגו! געווגו! וואָס ווילן זיי פון מיר? . . . ווען זיי דאָס מיר קיינמאָל ניט מוחל זיין? אך! אך!

(דאָס טומלען הערט אויף)

א . . .

(בלייבט שטיין)

שוין יאָרן און יאָרן, ווי איך לויף אַרום אַי־בערן עולם־התהו, און קאָן פון דעם געטומל נישט אַנטלויפן. דער האַס, מיט וועלכן מיין נאָמען „המן" ווערט דערמאָנט און דאָס גרעגערן פון די אידישע קינדער, פּאַרטיליקן מיך שטענדיק. אָ, וואָלט בעסער אַ פייער גע־

װען מיך דאמאָלט פּאַרברענט, װאָלט אַ
דונער מיר דערשלאָגן אין יענער מינוט, װען
עס איז מיר איינגעפאַלן דער געדאַנק,
שלעכטס צו טאָן די אידן ... אַ, װי מיין זינד
קעגן זיי פאַרפאָלגט מיך ... װעט נעמען
אַמאָל אַ סוף צו מיינע צרות? ...

(עס הערן זיך אויסרופן: „המן!... המן!...״
און עס פאָלגט נאָך אַ גרעגערײ און אַ קלאַ־
פּערײ).

המן:

האַ! ... האַ! ...

(ער לויפט װילד אַרום. די שאָטנס טוען
נאָך אַלע זיינע העויות. איין שאָטן ציט
זיך, געגעצט, גייט אַװעק אָן אַ זייט, לייגט
זיך אַװעק אָפּרוען. דאָס געטומל הערט
אויף. המן זעצט זיך אויף אַן אָפּגעהאַקטן
בוים).

המן:

אָ, ווי פאַרמאַטערט איך בין! ווי מיר איז שלעכט! אַלץ האָב איך פאַרלוירן. מיין ווייב, מיינע קינדער, מיין רו . . . איין זאַך איז מיר פאַרבליבן . . . מיינע שאָטנס . . . המנ׳ס שאָטנס . . . ווי די בעסטע, געטרייע חברים, גייען זיי מיר נאָך טריט ביי טריט... טריט ביי טריט . . .

(שפרינגט אויף).

נו, חברה, דאָס געטומל האָט אויפגעהערט, לאָמיר גיין אַ טאַנץ! . . .

(ער טאַנצט. שאָטנס טאַנצן אים נאָך. ער דערזעט פּלוצים אַז איין שאָטן פעלט).

המן:

שאָטן! שאָטן מיינער! . . . שאָטן וואו ביזטו? ! . . .

שאָטן:

אָט דאָ ליג איך, המן.

המן:

דאָרטן ליגסטו? ווי־אַזוי קאָנסטו „ליגן"
דארטן, ווען איך שטיי דאָ? . . .

שאָטן:

איך בין אַוועקגעגאַנגען פון דיר . . . איך רו
זיך איצטער אָפּ.

(אַנטשלאָפן).

איך וויל דיר מער נישט נאָכגיין . . .

המן:

וואָס מיינסטו שאָטן מיינער? נאָך די אַלע
יאָרן . . .

שאָטן:

(אין די רייד)

גענוג דיר נאָכגעגאַנגען . . . דו ביזט מיר
שוין נמאס געוואָרן . . . המן.

המן:

(בעט זיך ב ייאיס).

טאַטעלע מיינס . . . ווי קענסטו מיך איבער-לאָזן? וואָס פאַר אַ נארישקייט איז דיר איינגעפאַלן? . . . באַרעכן זיך!

שאָטן:

(אין די רייד)

שוין באַרעכנט זיך. אַלץ איבערגעטראַכט, באַשלאָסן!

(בייט דעם טאָן)

שוין יאָרן און יאָרן, ווי איך בין דיין שאָטן. דעם גאַנצן עולם-התוהו מיט דיר שוין דורכ-געשפּאַנט און דו ביזט מיר לאַנגווייליק און נמאס געוואָרן. איך וויל ערגעץ אַוועק . . . די וועלט איז גרויס און אידן זיינען דאָ פיל...

(שטאַרקער)

איך וויל אליין ווערן א המן! . . .

המן:

(דערשראָקן)

אַ... אַ — המן?!..

שאָטן:

יאָ! פאַרוואָס דען נישט? אַ שווערע תורה?...

המן:

שאָטן מיינער...

(פאַלט דעם שאָטן צו די פיס. אַלע שאָטנס טוען אים נאָך).

ווי קאָנסטו דאָס טאָן צו מיר? דו ביסט דאָך מיין שאָטן?.. ביסט דאָך אַ טייל פון מיר?...

שאָטן:

עך!...

(הויבט זיך אויף און גייט אַוועק. המן שפרינגט אויף).

המן:

שאָטן!...

(שרייט העכער)

שאָטן! ! . . .

ווידערקול:

שאָטן!

המן:

קום צוריק, שאָטן!

ווידערקול:

קום צוריק שאָטן! . . .

המן:

(צעוויינט זיך, פאַלט אויף דער ערד. שאָטנס פאַלן אויך).

אַן אייגענער . . . אַ שטיק פון מיר . . . פון מיר זיך אָפּגעשפּיגלט . . .

אַ שאָטן:

(שטעלט זיך אויף)

נו, מ׳וועט זיך אויך, א לאָז טאָן אויף דער וועלט . . .

אַ צווייטער שאָטן:

(שטעלט זיך אויף)

איך אויך! . . .

(אָפּ).

אַ דריטער שאָטן:

די וועלט איז גרויס, איך גיי אויך! . . .

(אָפּ).

אַ פערטער שאָטן:

אידן זיינען דאָ איבעראַל! . . .

(אָפּ).

(המן דערזעט אַז די שאָטנס זיינע זיינען אַוועק, שפרינגט ער אויף, לויפט אין אַלע זייטן).

המן:

שאָטנס מיינע, גייט נישט אוועק פון מיר...
קומט צוריק! . . . קומט צוריק! . . .

(שרייט הויך).

איר וועט חרטה האָבן! !

ווידערקול:

איר וועט כאַ־ראַ־טע האָבן!

המן:

איר וועט אַלע האָבן מיין סוף!...

ווידערקול:

איר וועט אַלע האָבן מיין סוף!...

(די סצענע פאַרוואַנדלט זיך צוריק וואו אַלע זיצן אַרום טיש און עסן. דער זיידע האַלט ביים פאַרענדיקן זיין מעשה).

זיידע:

און אזוי, קינדערלעך, האָט זיך פון צייט צו צייט המנס אַ שאָטן אויף דער וועלט באַוויזן. אָט אין רומעניע, אָט אין פוילן, אָט אין דייטשלאַנד . . . אידן פיל שלעכטס אָנגעטאָן. אָבער די אידן האָבן אַלע המנס

שאָטנס איבערגעלעבט און וועלן זיי ווייטער
אויך איבערלעבן . . . המנס אַלע שאָטנס,
האָבן אַלע, המנס מפּלה — געהאַט, און וועלן
זיי אַלעמאָל האָבן.

פאָרהאַנג

אין בידערמאַנס בוך געשעפט
176 צווייטע עוועניו, ניויאָרק, נ. י.
טעלעפאָן: טאָמפּקינס סקווער 6-5940
געפינען זיך צו פארקויפן
מיט שטאַרק אַרונטערגעשניטענע
פּראָצענטן פון די רעגולערע פּרייזן—

אַלע נייע ביכער

צייטונגען, וואָכנבלעטער, זשורנאַלן און
ליטעראַרישע זאַמלונגען
וואָס זיינען דערשינען אין אַלע וועלט-טיילן,
וואו אידן געפינען זיך

פּאָזי שאולזאָן פּרעס
נעמט אָן אַלערליי דרוק-ארבעט
— אין —
אידיש, העברעאיש, אָדער ענגליש
— אויף —
זייער מעסיקע פּרייזן

Posy-Shoulson Press (*Union Printers*)
3 Sherman Avenue, Jersey City, N. J.
Phone: WEbster 4-8870